בס"ד

# מוסדותינו

#24

ארויסגעגעבן דורך:

ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י סאטמאר, קרית יואל יצ"ו

נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט אירע קרוב צו 7,000 קינדער כ"י

חודש סיון
תשע"א

# העפטיגע פארשריט צו קענען עפענען פראכטפולע עס-זאל פון נייעם "בית רחל" בנין אויף דעם זומער סעזאן

– עס-זאל וועט אקאמאדירן געברויך פונעם "דעי קעמפ" אויף זומער חדשים הבעל"ט –

– פארשריט ערמעגליכט געווארן דורך נדבת לבם הטוב פון אנ"ש במשך די לעצטע וואכן –

– ערווארטונג פון נדבנים צו באצאלן פולן באלאנס כדי ארבעט זאל קענען פארגעזעצט ווערן –

– קרוב צו א האלב מיליאן דאלער נויטיג צו ענדיגן גאנצן בנין אויף קומענדיגע שולע-יאר –

## פייערליכע "חנוכת הבית" געפלאנט אי"ה אויף ערב חמשה עשר באב הבעל"ט

מיט דערלייכטערונג ווערט אויפגענומען די נייעס פונעם ועד קרן הבנין שע"י הנהלת "מוסדותינו", אז א דאנק די ברייטהארציגע אפרוף פונעם חשוב'ן ציבור אנ"ש, וואס האבן זיך אין די לעצטערע וואכן אנגעשטרענגט און אנגעשלאסן אינעם "קרן הבנין קאמפיין" פאר'ן נייעם בנין בית רחל מיט'ן סכום פון $1,800 האט מען ב"ה איצט די מעגליכקייט צו קענען פארזעצן מיט די ארבעט צו פארענדיגן ביז א גאר קורצע צייט דעם גאנצן ערשטן שטאק בשעטו"מ.

די הנהלה איז שטארק דאנקבאר די אלע אנ"ש, דארונטער די פילע חשוב'ע עלטערן, וואס זענען אין די לעצטערע וואכן אנטקעגנגעקומען די הנהלה מיט'ן סכום פון 1,800 דאלאר, שפירנדיג אלס א פליכט ארויסצונעמען א חלק אין דעם וויכטיגן פראיעקט לטובת די אייגענע קינדער און אייניקלעך, וואס די פרישע גרויסע סכומים האט געגעבן א שטארקע שטופ צו קענען איצט פולקאם פארענדיגן די גאנצע אונטערשטע שטאק, אז מ'זאל עס נאך דעם זומער קענען פארניצן פאר'ן געברויך פונעם דעי-קעמפ.

עס מוז פארצייכנט ווערן, אז א דאנק דעם וואס מ'קען עפענען בשעטומ"צ דעם גרויסן עס-זאל אינעם נייעם בנין פאר'ן דעי קעמפ געברויך, האט עס פאקטיש איינגעשפארט איבער $25,000 פאר די מוסדות הק', וויפיל עס האט געקאסט פארגאנגענעם יאר אהערצושטעלן א גרויסן שאטער מיט אלע צוגעהערן פאר'ן געברויך פונעם 'דעי קעמפ', צוליב מאנגל אין פלאץ אין די בית רחל געביידעס.

(פארזעצונג אויף זייט 6)



## פרישע כתה צוגעקומען פארגאנגענעם ל"ג בעומר נאך 32 חאלאקעם בליעה"ר

"קיין עין הרע" איז די רעאקציע פון יעדן תושב קרית יואל הערנדיג די נייעס אז צוויי און דרייסיג אידישע קינדערלעך בליעה"ר האבן באקומען פיאות בעצם היום ל"ג בעומר, און זיי זענען געקומען אין חדר זאגן א' ב' און לעקן האניג.

עס איז איבריג יעדעס ווארט צו רעאגירן, און יעדע קאמענטאר איז גענצליך ארויסגעווארפן, דער פאקט רעדט פאר זיך איבער די אומגעהויערע הצלחה, און דער געוואלדיגער בליה און וואקס פון די הייליגע מוסדות, אז "איבער א גאנצע פרישע כיתה" קומט אריין צום כלל ישראל, און קומט אריין בין כותלי בית המדרש אין דעם איינעם טאג.

דאס איז א רירענד בילד וואס חזר'ט זיך איבער מידי שנה בשנה ל"ג בעומר, ווען די אלע קינדערלעך וואס באקומען פיאות אין לויף פון די ספירה טעג ווערן אפגעשוירן, וואס דאן שטארט ארויס די הרחבת גבולי הקדושה פון דעם קומענדיגן דור וואס וועט בע"ה נתחנך ווערן לתורה וליראת שמים ע"ד אבותינו ורבותינו הק'.

כה יתן וכה יוסיף!

# געהויבענער באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין ישיבה לצעירים ח"ב

פארגאנגענעם מיטוואך פ' בחקותי העעל"ט האבן די תלמידי ישיבה לצעירים זוכה געווען אז כ"ק מרן רבינו שליט"א איז ערשינען בהיכל הישיבה, לרגל די שמחת ברית מילה ביים בן הנולד ביי הרה"ח ר' עזריאל יאקאבאוויטש הי"ו חתן הרה"ג רבי זאב וואלף לאנדא שליט"א ראש הישיבה.

דער רבי שליט"א איז ערשינען צום דאווענען שחרית, ווען דער רבי איז אריינגעקומען זענען די בחורים געזיצן אין די חבורות און געלערנט ספרי חסידות וואס בחורים לערנען פאר און די חברים הערן אויס, און דער רבי האט געהאט די געלעגנהייט מיטצוהאלטן די שיינע שיעורים וויאזוי די בחורים קאכן זיך אין די ספה"ק פאר'ן דאווענען. דער רבי שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה, דאס דאווענען איז געווען מיט א ספעציעלע התעוררות און ווארעמקייט. נאכ'ן דאווענען איז געווען דער ברית ביי וואס רבינו שליט"א איז מכובד געווען מיט סנדקאות.

דערנאך האט זיך רבינו שליט"א געזעצט צו א מסיבת לחיים מיט די בחורים ביי וועלכן ער האט משמיע געווען דברות קודש א לענגערע צייט, ווען ער האט מקדים געווען וואונדערליכע דברי תורה, און דאן האט ער ממשיך געווען א ווארעמען שמועס בנוגע יגיעת התורה און וויאזוי א בחור דארף זיך פלאגן אויף תורה מיט חשק און געשמאק, און וויאזוי א בחור דארף צילן צו שטייגן אלץ העכער און באקעמפן דעם יצר הרע מיט'ן כח פון די הייליגע תורה.

דער באזוך האט איבערגעלאזט אויף די תלמידים א שטארקן רושם דקדושה.

# שכר לימוד קאמיטע באגריסט עלטערן קאאפעראציע ביי 'אייר רעגיסטראציע'

אין די פארגאנגענע טעג איז געשלאסן געווארן מיט סוקסעס די "חודש אייר רעגיסטראציע", וואס איז ב"ה אדורכגעפירט געווארן מיט א שטארקע הצלחה, ווען רוב עלטערן האבן זיך טאקע אנגעשטרענגט און אויסגעצאלט די גאנצע שכר לימוד אויפ'ן קומענדיגן חודש.

ווי באקאנט איז די רעגיסטראציע געווענליך באשטימט נאך ארום יעדע צוויי חדשים, און די עלטערן שטעלן זיך טאקע צו און מ'צאלט אויס דעם גאנצן חוב.

יעצט איז אבער געווען אן אויסנאם, וויבאלד ס'איז אן עיבור-יאר און די לעצטע רעגיסטראציע איז געווען אום חודש אדר א', איז אויסגעקומען אז ס'איז אדורכגעגאנגען דריי חדשים אן א רעגיסטראציע, אנשטאט די געווענליכע צוויי חדשים, וואס דאס האט אויטאמאטיש שווערער געמאכט דעם עול אויף די הנהלה און מ'איז דעריבער געווען מער ווי שטענדיג אנגעוויזן אויף די קאאפעראציע פון די חשוב'ע עלטערן.

דערפאר איז די שכר לימוד קאמיטע שטארק דאנקבאר די אלע עלטערן וואס האבן פארשטאנען דעם פליכט און זיך אנגעשטרענגט צו באצאלן יעצט די רעגיסטראציע קאסטן, העלפנדיג דערמיט אז מ'זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש לטובת די אייגענע קינדער.

זעלבסטפארשטענדליך אז די רעגיסטראציע איז נאר נוגע פאר די וואס באצאלן נישט אויף א רעגלמעסיגן אופן, ווי הרה"ח מו"ה חיים קארנבלי הי"ו פון די שכר לימוד דעפארטמענט ווייזט אן אויפ'ן פאקט, אז איבער האלב פון די עלטערןווארטן שוין היינט נישט אויף די רעגיסטראציע, נאר זיי באצאלן חודש'ליך דורך קרעדיט קארד און העד טשעקס, וואס דאס איז א שטארקע הילף סיי פאר די הנהלה, און סיי פאר די עלטערן וואס דארפן נישט אוועקגעבן עקסטערע צייט ארויפצוקומען און אוריסנעמען די איינטריט קארטלעך, נאר זיי באקומען עס אזוי אויטמאטיש צוגעשיקט אויף די פאסט.

דאס באצאלן פון פאראויס מיט א קרעדיט קארד אדער העד-טשעקס איז אין די לעצטע יארן געווארן מער און מער אויפגעכאפט, און די עלטערן זעען דערין א טובה פאר זיך אז מ'פארגעסט נישט צו באצאלן, און א טובה פאר די הנהלת המוסדות אז מ'פארגרינגערט די ארבעט פון דעם שכר לימוד דעפארטמענט.

הוצאות בניו לתלמוד תורה

# גייסטרייכער "שבת חזק" פאר תלמידות פון בית רחל אין מחנה בית רחל

דער פארגאנגענער שבת פר' במדבר איז געווען א גייסטרייכער שבת פאר די תלמידות פון די 11'טע און 12'טע קלאס פון בית רחל, וואס זענען ארויסגעפארן אויף א גייסטרייכע "שבת חזק" אין די בערג אינעם "מחנה בית רחל".

דער סדר פון דעם שבת גייט שוין אן עטליכע יאר מיט גרויס הצלחה, ווען דער ציהל איז צו געבן א געלעגנהייט פאר די תלמידות קונה צו זיין א השקפת החיים, און קונה זיין אן ערענסטן בליק אויפן לעבן אויפן אויסגעטרעטענעם וועג פון אונזערע הייליגע רבי'ס, וואס דאס איז א בחינה פון "צידה לדרך" וואס די תלמידות זאלן מיטנעמען פון צווישן די ווענט פונעם בית חינוך ווי אזוי צו זיין א א ערליכע אידישע מאמע, וואס דאס ארויספארן פון די געווענליכע אטמאספערע העלפט צו אז מ'זאל דאס קענען אויפנעמען און קונה זיין אויף א גרויסע מאס.

במשך די פארגאנגענע יארן האבן די שבתים אלס אפגעצייכנט א גרויסע סוקסעס, און דאס איז שטארק באגריסט געווארן דורך די מחנכות, די הנהלה, און די עלטערן צוגלייך.

די תלמידות האבן אינאיינעם געדאווענט שחרית מיט ספעציעלע לידער פארפאסט לכבוד דעם געהויבענעם מאמענט. במשך דעם שבת האט מען געהערט שיעורים און דרשות פון בארימטע רעדנערינס און רביצינס וואס האבן אלע גערעדט איבער יסודות'דיגע טעמעס וואס איז זייער וויכטיג פאר די תלמידות פון בית רחל איידער זיי פארלאזן די ווענט פון בית חינוך וואו זיי האבן אזויפיל קונה געווען אלע יארן ביז אהער.

צווישן אנדערע האט מען געהערט גאר ווארעמע ווערטער פונעם מנהל רוחני הרה"ח ר' אלי' שלמה הכהן קאהן שליט"א, וועלכער שטייט שוין באלד 35 יאר על משמרת הקודש און ער איז מחנך די תלמידות פון קליינווייז אן ביז ווען זיי פארלאזן די כותלי המוסד, און ער האט גערעדט שטארקע דברי חיזוק און הדרכה.

דאס שבת'דיגע דאווענען פרייטאג צו נאכטס איז געווען זייער דערהויבן, אלע תלמידות אינאיינעם, און מ'האט געהערט הערליכע אויפטריטן פון בארימטע מחנכות, אויך ביי די סעודה האט מען געהערט שיינע פאסיגע ווערטער דורך חשוב'ע מחנכות און תלמידות. עס זענען געדרוקט געווארן ספעציעלע זמירות לכבוד דעם שבת וואס איז גוט אויסגענוצט געווארן. במשך דעם שבת זענען אפגעהאלטן געווארן מערערע 'פאנעל'ס וואס איז געווען טיף אויסגעארבעט לויט די השקפת אבותינו ורבותינו הק'.

דער געהויבענער שבת האט איבערגעלאזט גאר א שטארקן און גייסטרייכן רושם אויף די תלמידות, און מחזק געווען אין צניעות און אין יראת שמים, וואס וועט איבערלאזן א אייביגן רושם בע"ה.

# באס רבי'ס פון קינדערגארטן אפטיילונג הערן וויכטיגע סעיפטי אנווייזונגען




מיט 2 וואכן צוריק איז פארגעקומען די יערליכע וויכטיגע מיטינג פאר די באס-רבי'ס פון די גאנצע קינדערגארטן אפטיילונג, וואו זיי האבן געהערט וויכטיגע סעיפטי אנווייזונגען איבער וויאזוי אכטונג צו געבן אויף די קינדער ביים ארויפגיין און אראפקומען פון די באסעס.

דער מיטינג ווערט אפגעהאלטן יערליך, כדי מ'זאל זיך גוט איינ'חזר'ן און געדענקען די וויכטיגע אנווייזונגען, וואס איז זייער וויכטיג ווען מ'האנדלט מיט קליינע קינדער וועלכע קענען זיך אמאל פארשפילן און אוועקגיין פונעם באס אומבאמערקט, און די אחריות דערפון איז זייער גרויס.

זעהט בייגעלייגט דעם "קינדערגארטן באריכט" וואו עס איז געווען באריכטעט מער דעטאלן איבער דעם מיטינג.

# יערליכע אקציע אין מאנטריאל לטובת מוסדותינו הק' געקרוינט מיט הצלחה

מיט אנגעפילטע באגאזשן חיזוק האבן זיך נארוואס צוריקגעקערט פון מאנטריאל, די חשוב'ע דעלעגאציע פון מוסדותינו הק', וועלכע האבן דארט געווײלט במשך די פארגאנגענע וואך דורכפירנדיג צווישן אחינו לדעה אנ"ש, די יערליכע אקציע לטובת מוסדותינו הק'.

די היי-יעריגע אקציע איז ב"ה אפגעצייכנט געווארן מיט א גאר שטארקע הצלחה, וואס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר די הנהלת מוסדותינו, זיך איבערצייגנדיג צום וויפילטן מאל ווי דער חשוב'ער ציבור אנ"ש בכל מקום שהם אנערקענט דאס אייגנארטיגע חשיבות פון מחזק זיין "מוסדות קרית יואל", וואס איז שטעדיג געווען דאס הארץ פון יעדן סאטמארען איד, בפרט אין די לעצטערע צייטן ווען מ'נויטיגט זיך אין ספעציעלע ווארימע שטיצע פון אנ"ש אין ליכט וואס די מוסדות פלאגן זיך זייער פון די עקאנאמישע נאכווייען.

ווי אין די פארגאנגענע יארן איז אויך היי-יאר ארויסגעפארן א דעלעגאציע פון עטליכע חשוב'ע פערזענליכקייטן מטעם הנהלת המוסדות, ואלו הן: הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, ראה"ק וחבר הנהלת מוסדותינו, הרה"ח ר' ברוך שמעון משה קעפעטש הי"ו, ואתם עמם דער געטרייער עסקן מו"ה יואל בר"ש פריעדמאן הי"ו, וועלכער האט אנגעפירט די אקציע מיט גרויס געניטשאפט.

פארגאנגענעם שב"ק פ' במדבר העעל"ט איז אפגעראכטן געווארן דער יערליכער אפיעל, און אום זונטאג נשא איז אנגעקומען די דעלעגאציע וועלכע זענען אין לויף פון די נאכפאלגנדע טעג ארומגעגאנגען צווישן דעם ציבור סיי אין די בתי מדרשים און סיי אין די שטיבער פון מערערע נדיבי לב.

אין צוזאמענהאנג מיט די אקציע האט הרה"ח ר' ברוך שמעון משה קעפעטש הי"ו אויפגעטרעטן מיט א ווארימע דרשה אינעם ביהמ"ד, אין וועלכן ער האט אלארמירט איבער דעם שווערן מצב פון די מוסדות, און ער האט שטארק אנגעווארעמט דעם עולם אז מ'זאל זעהן אויסצושטרעקן אין די יעצטיגע צייטן א ספעציעלע ברידערליכע האנט מיט הילף פאר די הייליגע מוסדות אין קרית יואל, צו וועלכן יעדער איינער מאנ"ש שפירט א שטארקע נאנטשאפט און ס'איז איבריג ארויסצוברענגען די גרויסע זכי' דערצו.



הרה"ח ר' שמעון משה קעפעטש שליט"א, חבר הנהלת המוסדות, ביי זיין אויפטריט אין ביהמ"ד התאחדות אברכים בית שמואל בנימין

די חשוב'ע חברי הנהלה זענען געוועזן זייער צופרידן ווי דער ציבור האט ארויסגעוויזן א ווארימע געפיל פאר די הייליגע מוסדות און זיך אנגערופן מיט גרויסע סכומים. באזונדער איז געוועזן א שיינער ציבור וואס האט זיך אנגעשלאסן אינעם "בן גמלא" פראיעקט, זיך אונטערנעמנדיג צו ספאנסערן בני עניים פון די מוסדות לויט די פארשידענע קאטעגאריעס, און עטליכע גרעסערע נדיבים האבן זיך גאר איינגעהאנדלט גרויסע זכותים נצחיים אינעם נייעם בנין בית רחל וואס ווערט פארענדיגט אין די יעצטיגע חדשים.

אלענפאלס, די געלונגענע אקציע האט געגעבן א שטארקע חיזוק שטופ פאר די הנהלת מוסדותינו, און ס'איז זיכער אז דער הייליגער מייסד מרן רבינו הק' זי"ע און רבינו בעל ברך משה זי"ע וועלן נישט שולדיג בלייבן די אלע תומכים, און יעדער וועט אי"ה געהאלפן ווערן מיט שפע ברכה והצלחה בכל הענינים.

ותומכיה מאושר.

# ווארימע באשטייערונגען פון נשים צדקניות ביי "סקול שליסונג פארטי"

## הערליכע אנדענק לע"נ אומפארגעסליכן עסקן הרה"ח ר' דוב לייב גרינפעלד ע"ה

מיט גרויס סוקסעס איז אפגעראכטן געווארן די היי-יעריגע "סקול שליסונג פארטי" לטובת מוסדותינו הק', וואס איז פארגעקומען פארגאנגענעם מיטוואך פרשת בחוקותי, פסח שני הבעל"ט אין זאל פון "קרן ויואל משה", אראנזשירט דורך די "לעידיס אקזולערי" פון די מוסדות הקדושים.

יאר יערליך איז די "סקול שליסונג פארטי" א צענטראלע צוזאמענקונפט, וואס ברענגט צוזאם אונטער איין דאך, טויזנטער נשים צדקניות פון מערערע יארגענג, וועלכע פארברענגען אינאיינעם א העכסט-גייסטרייכע און שפאנענדע אווענט, ווען דערביי האט מען די זכי' מחזק צו זיין די הייליגע מוסדות פון אונזער שטאט, וואו אונזערע איגענע קינדער און אייניקלעך ווערן נתחנך לתורה וליראה ע"ד רבותינו הקדושים זי"ע.

די היי-יעריגער פארטי איז געווען א ספעציעלע רייכע אוונט פון וואס אלע באטייליגטע האבן גאר שטארק הנאה געהאט, סיי די הערליכע מעניוס, די רייכע פראגראם, און די גאר ווערדפולע טייערע ראפעלס, וואס אין יעדע איינציגע הינזיכט איז ארייגעלייגט געווארן אימערמידליכע גרויסע כוחות דורך די 'לעידיס אקזולערי', מיט די שטארקע צוהילף פון די חשוב'ע עסקנים, ובמיוחד העסקן היקר ר' יואל ראטה נ"י, וועלכער שטייט צוהילף א גאנץ יאר לטובת די לעידיס אקזולערי.

א ספעציעלע ווארימע געפיל האט ארויסגערופן די היי-יעריגע פארטי, זייענדיג געווידמעט לעילוי נשמת דעם אומפארגעסליכן עסקן לכל דבר שבקדושה, הרה"ח ר' דוד לייב ב"ר אברהם שלמה גרינפעלד ע"ה, וואס זיין פריצייטיגע פטירה איז א פערזענליכע שטארק פארלוסט פאר די הייליגע מוסדות קרית יואל, מיט וועלכן ר' דוד לייב ע"ה איז מיום הוסדה געווען אזוי צוגעבינדן דערצו מיט'ן גאנצן לייב און לעבן.

מטעם המשפחה איז געהערט געווארן ספעציעלע אנדענק ווערטער, וואס האט ארויסגעברענגט שטארקע שטריכן פון ר' דוד לייב ע"ה, סיי פון זיינע פערזענליכע וואוילטעטיגקייטן און אפן הארץ פאר יעדע דבר שבקדושה, ובפרט מיט וואספארא געוואלדיגע געטריישאפט ער האט עוסק געווען פאר די מוסדות, שפירנדיג דאס אלס א זכי' זייענדיג אן עבד נאמן לרבותה"ק זי"ע.

הני נשים במאי קזכיין.

די הערליכע ראפעל אויסשטעלונגען און מתנות, צוגעשטעלט געווארן ביי די יערליכע סקול שליסונג פארטי









פרייטאג חוה"מ פסח איז פארגעקומען אין "חול המועד חדר" די רירנדע "עולם חסד יבנה" פראגראם, וואס איז געווען דער קלימאקס פונעם "חסד" פראגראם צו אויפארבעטן די תלמידים צו טון חסד איינער מיט'ן צווייטן במשך די גאנצע שלשים פון דעם אומפארגעסליכן איש החסד הרה"ח ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה וואס דער פראגראם איז געווידמעט געווארן לעילוי נשמתו









# לעבעדיגע אקטיוויטעטע אין קינדערגארטן



ברכת מזל טוב פאר די צענדליגער קינדער וואס זענען אפגעשוירן געווארן אום ל"ג בעומר

## די מעשה פון חזקל בעל עגלה



חצקל בעל עגלה טראגט דעם צדיק



חצקל וויל נעבעך גנב'נען



חצקל!!! איינער זעהט

## ל"ג בעומר אין קינדערגארטן







## די קינדער פארברענגען געשמאק אין די שיינע וועטער







# לעבעדיגע אקטיוויטעטע אין קינדערגארטן

## די מעשה פון דיינו



ער באהאלט זיין רינגל אין די קרוין





מ׳טראגט אים אין תפיסה



דיינו גנב׳ט דעם רינגל



דער קעניג שלאפט



דער איד גייט העלפן זוכן

## די מעשה פון די מאנקי



מאשקע דער קרעטשמער



אוי ווי מיין מאנקי



דער פריץ קומט אריין



דער פריץ ביים סדר



דער פריץ ציילט די געלט



א מחי׳, פיינע טשאקלאד געלט

# נאטיצן פון הנהלה גשמית

## דער זומער איז שוין דא...

דער זומער האט שוין גענצליך אוועקגעבלאזן דעם ווינטער, אבער נישט איבעראל בלאזט זיך אזוי גוט...

### ישיבה לצעירים ח"א

פון ישיבה לצערים ח"א וואס איז סטאנציאנירט אין בנין עצי חיים אויף די רימנוב גאס, הערן מיר אז איינע פון די דריי "סענטראל עיר קאנדישאן יוניטס" וואס דארף אפקילן דעם ביהמ"ד, איז געגאנגען שלאפן אן אייביגער שלאף... דער קאמפרעסאר האט מחמת איזה סיבה 'רעטייערט' - ער ארבעט מער נישט...

די ביליגסטע און גרינגסטע עצה וואלט געווען צו טוישן בלויז דעם קאמפרעסאר, אבער וויבאלד ס'האנדלט זיך פון א מאשין וואס האט שוין אפגעדינט - עס שטייט שוין דארט פון ווען מ'האט געבויעט דעם בנין - לוינט זיך נישט צו אינוועסטירן נאך א דאלאר דערין, און ס'וועט אויסקומען בעסער צו קויפן א גענצליך נייע מאשין.

צו קויפן א נייע מאשין דארף קאסטן בערך $10,500, וואס פאר אזא גרויסע הוצאה דארף מען שוין האבן די באשטעטיגונג פון די העכערע פענסטערס אין די הנהלת המוסדות.



אויסערדעם זענען דא צוויי עיר קאנדישאנס אין די כיתות וואס מ'דארף אצינד קויפן נייע, וואס ס'קאסט $600 יעדע איינע.

### ישיבה קטנה

אין א שמועס מיט'ן מענעדזשער פונעם "עצי חיים" געביידע, מו"ה בצלאל באש הי"ו, זאגט ער אונז אז באמת וואלט מען געדארפט אריינלייגן סענטראל עיר קאנדישאנס אין אלע כיתות, וואס דאס איז שטילער, ס'ציעט וויינוגער לעקטער, און פארלאנגט וויינוגער ריפעירס און מעינטענענס און קאסט אפ וויינוגער געלט במשך די יארן.

אבער - האט ער צוגעגעבן - וויבאלד דאס צו קויפן און אינסטאלירן קאסט מער ווי געווענליכע עיר קאנדישאנס און די הנהלת הישיבה קען זיך דאס דערווייל נישט ערלויבן, דערפאר מוז מען זיך דערווייל באגענוגען מיט די געווענליכע עיר קאנדישאנס.

### בית רחל – קאהאן דרייוו

אויך אין בית רחל געביידע אויף קאהאן דרייוו וואו עס זענען פלאצירט די קינדער פון פרי-1-עי, איז שוין דא א דרינגענדע געברויך צו ערזעצן די אלטע סענטראל עיר קאנדישאן מאשינען וואס זענען אינסטאלירט געווארן ווען דער געביידע איז אויפגעשטעלט געווארן.

יעדעס יאר ווען ס'קומט אן דער זומער הייבט זיך אן די פראבלעמען מיט די 8 'יוניטס' וואס דינען דעם געביידע, און יעדעס מאל פארריכט מען עס נאכאמאל און ס'געלונגט דורכצושוויצן דעם זומער. היי-יאר קוקט אבער אויס ווי די קינדער וועלן דארפן שוויצן מער פון די מאשינען...

אין די ערשטע טעג פונעם זומער איז נישט געלונגען אנצוצינדן אלע מאשינען, און נאכדעם וואס מ'האט מצליח געווען דאס אנצוצינדן ארבעט עס גאר שוואך און ס'גיבט נישט ארויס די נויטיגע קראפט.

די טעכניקער זאגן אז לויט אלע ווארשיינליכקייטן וועלן רוב פון די יוניטס נישט דורכלעבן דעם זומער און מ'וועט דארפן נאך היי-יאר אינסטאלירן פרישע יוניטס, וואס וועט אריינציען אין א הון רב.

סך הכל ווערט פאראויסגעזען א ריזיגער בודזשעט פאר דעם זומער, בלויז פאר די עיר קאנדישאנס אליין, וואס דאס לייגט ארויף א פרישן אויף אויף די אזוי-אויך-איבערגעשטרענגטע חברי ההנהלה וועלכע פלאגן זיך צו באצאלן די הויכע קאסטן פון אויפהאלטן אלע בנינים.

משיב הרוח...

***

## נאך א קלאס און נאך א קלאס

אין א שמועס מיט דעם "מעינטענענס מענעדזשער" פון די מוסדות הק', מו"ה מענדל לענעראוויטש הי"ו, הערן מיר אז אויסער דעם פאקט אז מ'שטעלט צו כסדר פרישע קלאסן פאר די קינדער, איז נישטא קיין שום נייעס...

ר' מענדל דערציילט אונז אז אין תלמוד תורה בנין מארקאוויטש האלט מען אצינד אינמיטן איבערבויען א סטארעדזש צימער וואס ווערט פארוואנדלט אין א כיתה צוליב א מאנגל אין פלאץ. דאס זעלבע איז אין תלמוד תורה בניני ווידער-פאלאטשעק וואו מ'האלט אינמיטן אויפפיקסן א נייע כיתה.

אינעם בית רחל אלו הנשים, האלט מען יעצט אינמיטן רענאווירן איינע פון די טרעילארס וואו עס איז פלאצירט די "בעיביסיטינג" פאר די לערערינס' קינדער, וויבאלד עס פעלט זיך אויס צוצושטעלן מער פלאץ דערפאר.

# העפטיגע פארשריט צו קענען עפענען פראכטפולע עס-זאל פון נייעם "בית רחל" בנין אויף דעם זומער סעזאן

**עס-זאל וועט אקאמאדירן געברויך פונעם "דעי קעמפ" אויף זומער חדשים הבעל"ט - פארשריט ערמעגליכט געווארן דורך נדבת לבב הטוב פון אנ"ש במשך די לעצטע וואכן - ערווארטונג פון נדבנים צו באצאלן פולן באלאנס כדי ארבעט זאל קענען פארגעזעצט ווערן - נאך הונדערטער טויזנטער דאלער נויטיג צו ענדיגן גאנצן בנין אויף קומענדיגע שולע-יאר**

### פייערליכע "חנוכת הבית" געפלאנט אי"ה אויף ערב חמשה עשר באב הבעל"ט

(פארזעצונג פון זייט 1)

**ואין מזרזין אלא למזורזין! דערפאר קוקט טאקע די הנהלה ארויס אז די אלע אידן וואס האבן זיך אונטערגענומען און צוגעזאגט שיינע הבטחות, זאלן דאס זעהן אויסצוצאלן ווי פריער, כדי מ'זאל קענען אנגיין מיט די טעגליכע ארבעט צו מאכן גרייט פאר די קומענדיגע וואכן בס"ד, דעם אונטערשטע שטאק וואס נעמט אריין דעם גרויסן עס-זאל מיט אלע צוגעהערן, און ס'זאל נישט דארפן אפגעשטעלט ווערן צוליב מאנגל אין געלט.**

ווי נאר דער עס-זאל ווערט פארענדיגט, האפט מען בעז"ה באלד צו גיין ווייטער און פארענדיגן אויך די העכערע שטאקן פונעם בנין, האלטנדיג דעם ציל פאר די אויגן, אז מ'זאל אי"ה קענען פארענדיגן דעם גאנצן בנין בשלימות אויף דעם ענדע זומער, כדי ס'זאל שוין גרייט זיין צום באניץ אויף דעם קומענדיגן שולע-יאר, ווען ס'ווערט ערווארטעט א פרישע געברויך פאר נייע קלאסן.

גלייכצייטיג גייען שוין אן די ערשטע צוגרייטונגען צום פייערליכן חגיגת חנוכת הבית, וואס ווערט געפלאנט אויף דעם קומענדיגן ערב חמשה עשר באב, וואס קומט אויס אום זונטאג פ' עקב הבעל"ט, וואס מ'האפט זייער אז מ'זאל טאקע קענען אפרעכטן דעם פייערליכן מעמד בעתו ובזמנו אויב ס'וועט זיין די נויטיגע פאנדן צו קענען ענדיגן דעם בנין ביז דעמאלטס.

כדי צו קענען פארווירקליכן די אלע פלענער איז די הנהלה זייער אנגעוויזן אויף די ברייטע השתתפות פונעם גאנצן ציבור אינעם קרן הבנין קאמפיין, וויבאלד ס'דארף נאך דרינגענד געשאפן ווערן גרויסע סכומים צו קענען גומר זיין דעם גאנצן בנין קאמפלעט און דאס אויסרישן מיט די נויטיגע איינריכטונגען, ווצב"ש איינרישן די קאך, אויסשטאפירן די קלאסן מיט פורניטשער, טישן און בענקלעך, בלעק-בארדס וכדו', און איינרישן די עס-זאלן, צושטעלן די גראונדס ווצב"ש פעיווינג, גראז, צוים און נאך.

ס'איז אוודאי צו ערווארטן אז דער ציבור אנ"ש בכלל, און אלע עלטערן בפרט, וועלן צו קענטעניס נעמען דעם חובת השעה און שפירן פאר א זכי' זיך אנצושוליסן אינעם קרן הבנין קאמפיין, פאר'ן עתיד חינוך הבנות פון אונזערע אייגענע דורות ביז משיח'ס טאג, וואס גלייכצייטיג קויפט מען זיך איין מיט דעם א זכות נצחי וואס טוט באגלייטן דעם נדבן ומשפ' בזה ובבא.

עשה למענינו ולמען דורותינו!

**כדי צו קענען פארווירקליכן די אלע פלענער איז די הנהלה זייער אנגעוויזן אויף די ברייטע השתתפות פונעם גאנצן ציבור אינעם קרן הבנין קאמפיין, וויבאלד ס'דארף נאך דרינגענד געשאפן ווערן גרויסע סכומים צו קענען גומר זיין דעם גאנצן בנין קאמפלעט און דאס אויסרישן מיט די נויטיגע איינריכטונגען, ווצב"ש איינרישן די קאך, אויסשטאפירן די קלאסן מיט פורניטשער, טישן און בענקלעך, בלעק-בארדס וכדו', און איינרישן די עס-זאלן, צושטעלן די גראונדס ווצב"ש פעיווינג, גראז, צוים און נאך.**

# ר' דוד מרדכי פאדערט פון אונז...

היינטיגן שבת קודש פרשת נשא, ב' סיון יום המיוחס, געפאלט אויס דער דריטער יארצייט פון ידידינו עוז, הרה"ח ר' דוד מרדכי מייזעלס ז"ל.

אז מ'דערמאנט "רבי דוד מרדכי" פאר תושבי קרית יואל, ברענגט דאס אויך פארשידנארטיגע זכרונות, דער עלטערער דור וועט זיך דערמאנען פון ר' דוד מרדכי אלס מנהל גשמי אין די ישיבה, ווי אזוי ער פלעגט שטיין לימינם פון די בחורי חמד אז זיי זאלן קענען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת.

דער מיטעלער דור - און דער גרעסטער פראצענט - וועט זיך דערמאנען פונעם "שדכן", ווער איז דען נישט קיין חתן געווארן א דאנק דאס שדכנות פון ר' דוד מרדכי ע"ה, אסאך איז דא צו רעדן און דערציילן איבער זיין פלייסיגע ארבעט אין שדכנות, און ווי אזוי ער האט זיך באמת געזארגט פאר אלע סאטמארע בחורים אז יעדער זאל טרעפן זיין באשערטע אין די צייט. און ווען עס האט זיך אויסגעפעלט איז מען געלאפן צום רבי'ן וויינען אז דער מצב איז געפערליך...

אבער דאס בילד וואס ליגט איינגעקריצט אין זכרון ביי אלעמען, ביים עלטערן דור, ביים מיטעלן דור, און אויך ביי די גאר אינגעלייטלעך, איז בלי שום ספק די מחזה הוד ווי אזוי רבי דוד מרדכי ע"ה זיצט ביים טישל אין ביהמ"ד הגדול און ער טוט איינקאסירן "שכר לימוד".

באלד ווי נאר "קרית יואל" איז געגרינדעט געווארן, האט זיך ר' דוד מרדכי אהערגעצויגן צו זיין פון די ערשטע תושבים, למלאות רצון קדשו פון רבינו הק' זי"ע, און ער האט זיך באלד אריינגעווארפן אין די עסקנות צו העלפן דעם רבי'נס מוסדות, א תפקיד וואס ער האט אנגעהאלטן מיט א זכי' איבער 30 יאר.

ס'איז ממש אוממעגליך צו שילדערן ווי ווייט ס'איז געגאנגען בנפשו די הצלחה פון "מוסדות קרית יואל", וואוסענדיג אז דאס איז געווען דאס שווארץ-אפעל פון אויג ביים רבי'ן ז"ל. "מוסדות קרית יואל" מיט "ר' דוד מרדכי" איז במשך אלע יארן באטראכט געווארן ווי "תרי רעין דלא מתפרשין", מיט דעם האט ער געלעבט און געאטעמט.

אזויפיל יארן וואס תושבי קרית יואל זענען געוואוינט אריינצוקומען אין בית המדרש הגדול און זיך באגעגענען מיט ר' דוד מרדכי ע"ה טאקע ביים טיר, ביים 'שכר לימוד טישל', ער נעמט געלט און טיילט קארטלעך, ווען מ'סודות'ט זיך מיט ר' דוד מרדכי און מ'פאראהאנדלט איבערן שכר לימוד...

"הוא היה אומר" ווען ר' דוד מרדכי איז געזעסן ביים טישל איז שוין געווען פארשפארט א האלבע ארבעט! דאס עצם בילד ווי עס זיצט אזא איד, א איש שיבה ובא בשנים, א מתמיד עצום און גרויסער ירא שמים, און מיט די פולסטע ערנסטקייט ארבעט ער איבער די כוחות צו איינקאסירן, דאס האט גערעדט ווערטער, דאס האט געשריגן פון זיך אליין, און דאס האט מחייב געווען יעדן אריינקומענדן אין ביהמ"ד הגדול, צו טראכטן א רגע, "וואס טוט זיך מיט מיר?", האב איך שוין באצאלט מיין חוב פאר שכר לימוד?! האב איך שוין ערלעדיגט מיין רעגיסטרעישאן?!...

אבער ר' דוד מרדכי איז נישט געווען פון די מענטשן וואס זאלן טראכטן פון "הוא היה אומר" כמדרשו, ער האט גערעדט האון געזאגט כפשוטו, ער האט נישט גערוט, נישט געשפארט קיין צייט און קיין כח צו מעורר זיין דעם ציבור איבער דעם חוב גדול צו באצאלן שכר לימוד.

ווער געדענקט דען נישט די הארציגע בריוו וואס ער פלעגט ארויסגעבן מזמן לזמן, אין וועלכן ער פלעגט אויסרעכנען מפי ספרים וסופרים ווי וויפיל זאכן עס איז מסוגל צו באצאלן צייטליך דעם שכר לימוד. בייגעלייגט מיט סיפורי צדיקים וואס ברענגען ארויס דעם גרויסן כח פון באצאלן דעם שכר לימוד צייטליך, וואס דער הארץ און געפיל וואס איז געלעגן אונטער די ווערטער האט גערעדט פון זיך באלד מער ווי דאס געשריבענעווארט.

ווער עס האט מיטגעהאלטן ווי דאס ענין פון מעורר זיין דעם ציבור צו באצאלן שכר לימוד איז אים געגאנגען בנפשו, אין זיינע לעצטע חדשים אויף די וועלט, ווען ער איז שוין ליידער געווען יוצא ונכנס אין שפיטאל, ער איז געווען אין מיאמי אויף אפרוה, האט ער איבעראל מיטגענומען די מוסדות אין רענצל... ער איז געווען באזארגט צי דער עולם צאלט ערליך, און ער האט נאר געוואלט צוהעלפן און ווייטער ממשיך זיין די עבודת הקודש וואס איז אים געגאנגען בנפשו.

נאך אין לעצטן יאר האט ער מיט זיין צובראכענע שטימע אויפגעטרעטן ברבים מיט א קורצע אבער פלאמפייערדיגע דרשה, ביים יערליכן דינער לטובת המוסדות הק', וואו ער האט געזאגט בתוך הדברים: "במשך פון די יארן איז געווען אסאך משפחות וואס האבן באצאלט יעדן חודש פאראויס שכר מלומדות, און זיי האבן געהאט גאר חשוב'ע קינדער און פרנסה בהרחבה, אזוי ווי אלע צדיקים האבן געזאגט. ע"כ ווערט יעדער געבעטן זיי נאכצומאכן, זיי וועלן זעהן א גרויסע שינוי לטובה אויף יעדן געביט".

יא! עס איז שוין טאקע דריי יאר זינט רבי דוד מרדכי ע"ה איז נישט בתוכינו, אבער זיינע פעולות דארפן בלייבן א דבר המתקיים לעד. די הייליגע מוסדות זענען ווייטער דא, עס וואקסט און עס בליעהט בליעה"ר אויף א ברייטן פארנעם. רבי דוד מרדכי ע"ה האט אוודאי די זכי' זיך צו געפונען בקרבתו פונעם הייליגן רבי'ן דער מייסד המוסדות און האלטן מיט פון אויבן די הרחבת גבולי הקדושה, עס איז אוודאי א געוואלדיגע שמחה אז מ'האלט שוין ביים אויפשטעלן דעם "דרייצענטן" בנין פאר די מוסדות הק' אין קרית יואל.

אבער "אנן מהכא", מיר דארפן טון אונזערס דא אויף דעם עולם, און זעהן אז די מוסדות זאלן האבן א קיום.

מיר דארפן געדענקען אז באצאלן שכר לימוד איז א "חוב" פון וואס מ'קען זיך נישט ארויסדרייען, און דאס איז א גרויסער הכרח פארן עקזיסטענץ און קיום פון די מוסדות.

לאמיר אלע זעהן אז אונזער באלאנס פאר די מוסדות זאל זיין גענצליך אויסגעצאלט, און גלייכצייטיג יעצט אין די טעג פון זיין יארצייט אינזינען האבן "לעילוי נשמת ר' דוד מרדכי ב"ר שלמה ע"ה".



United Talmudical Academy of Kiryas Joel Inc.

ישיבה תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל מסאטמאר קרית יואל

בס"ד

אשריכם ישראל!

בכל לשון שבח טוען מיר זיך הערצליך באדאנקען פאר'ן

גרויסן ציבור אנ"ש

וועלכע האבן אין די פארגאנגענע טעג אנטיילגענומען אינעם

קרן הבנין קאמפיין

פאר'ן נייעם בית רחל

וואס איז אונז געווען א שטארקע הילף צו קענען אנגיין ווייטער מיט די ארבעט

עוד ידינו נטוי'

אזוי ווי מיר דארפן נאך שאפן גאר גרויסע סכומים

צו קענען פולקאם פארענדיגן דעם בנין ווי אמשנעלסטן

קוקן מיר ווייטער ארויס אויף די שטיצע פונעם 'גאנצן' ציבור

די עסקנים וועלן אי"ה ווייטער

ארומגיין אין די קומענדיגע טעג

ווי אויך קענט איר זיך ווענדן צו איינער פון די פאלגנדע עסקנים:

מו"ה דוד אהרן לאנדא הי"ו - הר"ר אלי' שלמה קאהן שליט"א

מו"ה זלמן יוסף גאלד הי"ו - מו"ה וואלף ברי"ד לאנדא הי"ו

מו"ה יואל בר"ש פריעדמאן הי"ו - מו"ה שלום גאלדמאן הי"ו

בכבוד רב

ועד קרן הבנין שע"י הנהלת המוסדות



דאס טעגליכע בילד וואס מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן

# לעבעדיגע אקטיוויטעטען אין תלמוד תורה

## פייער סעיפטי אנווייזונגען פארגאנגענעם חול המועד









# לעבעדיגע אקטיוויטעטען אין קינדערגארטן

## פ' בהר - וואס מיינט פלאנצן?



מ'פלאנצט דאס אין די ערד





מ'נעמט ארויס די קערעלעך



מ'באוואסערט עס





מיר אקערן אונזער פעלד



מ'אקערט די ערד